# א חוצפה אדער א כבוד?!

## דרשת הסברה נפלאה

מאת המגיד המפורסם פה מפיק מרגליות

### מגיד מישרים באה"ק

אודות הסערה האדירה בנושא של המכתב לאדמו"ר מגור שליט"א

### אודות לקיחת כספים מאת ממשלת הציונים

**חשוב'ע בני החבורה, מיר ווען היינט רעדן איבער דעם באקאנטן בריוו וואס דער נגיד ר' יואל לאנדא האט געשיקט צו גערער רבי'ן שליט"א.**

**דער בריוו וואס האט געמאכט א שטורעם איבעראל און געברענגט ערנסטע וויכוחים און טענות פון אלע זייטן. יעדער קאכט דערמיט, מיט סברות לכאן ולכאן.**

**אבער איך וויל אייך געבן א קלארן און דייטליכן הסבר אויף דעם גאנצן ענין.**

## א. - וואס זאגט דער בריוו?

בעצם וואס דא האסט פאסירט איז, אז **ר' יואל לאנדא, א גרויסער נגיד און בעל צדקה פון אמעריקע, האט געשיקט א לענגערן בריוו פאר גערער רבי'ן**, אין וועלכן ער פרובירט משכנע צו זיין, אז די גורער מוסדות זאלן אויפהערן נעמען געלט פון די מדינה.

ער זאגט דארט אינעם בריוו, אז **די בעסטע זאך וואלט געווען אז גור זאל זיך אנהייבן פירן א קהילה מיט מוסדות וישיבות אויף די אייגענע פיס,** מיט זייער אייגענעם כח, בעזר ה', און בויען א אייגענעם מפעל אויסצוהאלטן די מוסדות, ענליך צו וויאזוי מ'שאפט געלט ביי די גבירים אין סאטמאר.

ר' יואל האלט דאך די סאטמארער השקפה, און ער ברענגט ארויס אז **גור זאל זיך אליינס מכבד זיין און אויפהערן נאכלויפן די מדינה פאר געלט.** ער רעדט אויך איבער דעם פאליטישן מצב אין ארץ ישראל, מיט די גזירות פון גיוס און די שנאה כנגד הדת.

ער טענה'ט דערמיט, אז מ'זעט קלאר ווי דאס יהדות החרדית קען נישט ווייטער אנגיין מיט געלט פון דער מדינה, ווייל זיי בעטן א הויכן פרייז פאר דעם, און **עס איז דעריבער פשוט א בזיון אז מ'דארף מאכן פשרות אין אידישקייט,** אלעס כדי צו געניסן פון די געלטער וואס די רעגירונג געבט.

דעם בריוו ענדיגט ער צו מיט'ן זאגן, אז אויב מ'וועט טאקע זיך אפלאזן פון די מדינה'ס געלטער, וועט מען זען אז דער אויבערשטער וועט העלפן ס'וועט קומען א שפע, און מ'וועט זיך קענען אליין אויסהאלטן, און יעדער וועט צוהעלפן דערצו, אז ס'זאל קענען אנגיין על טהרת הקודש.

## ב. - דער שטורעם און וויכוח ארום דעם בריוו

יעצט, ווי נאר דאס איז ערשינען אין גאס, האט דער עולם אנגעהויבן זיך קאכן אין גרויסן איבער דעם בריוו.

**אסאך טענה'ן:** אז עס איז גאר א חוצפה און אַן עזות צו זאגן עצות פאר א גדול בישראל וואס צו טון, ובפרט אז די פריערדיגע רבי'ס האבן אויסגעטרעטן דעם וועג דערויף.

**ווייטער אנדערע זאגן:** אז ס'איז יא זייער בכבוד, און פארקערט, ער האט געגעבן דארט א שיינע נדבה, און סך הכל זאגט ער אז מ'וועט צוהעלפן אויב מ'וועט ארויסגיין, בדרך כבוד.

איז לאמיר דא מאכן א קלארקייט, און צענעמען די נושא אין פיר נקודות.

**דער סאטמארער בליק פון ר' יואל איז וויאזוי אויפצוטון פאר אידישקייט, דעריבער טראכט ער - ווי אלאמאל - מיט א טיפער און קלוגער בליק וויאזוי דאס יהדות החרדית אין ארץ ישראל קען זיך בעסער באהאנדלען.**

1. די ערשטע זאך איז - דער **עצם שרייבן א בריוו פאר א מנהיג**. נעמליך, דאס אז עמיצער, א נגיד, האט געשריבן א בריוו צום גערער רבי'ן.

2. די צווייטע נושא איז - **דער תוכן פון דעם בריוו**, פשוט וואס עס שטייט געשריבן אינעם בריוו. וואס רעדט זיך עס בכלל.

3. די דריטע נושא איז - **דער נוסח פון דעם בריוו**, דאס טייטש דער אופן וויאזוי ער האט זיך אויסגעדריקט און ארויסגעברענגט זיינע ווערטער כלפי דעם גדול.

4. און די פערטע זאך איז - **דער פירסום פון דעם בריוו**, דאס אז דער בריוו איז מפורסם געווארן אין דער גאנצער וועלט און עס האט געברענגט אזא שטורעם.

איז לאמיר גיין איינס נאך איינס.

## ג. - וואס איז די אינטערעסע דא?

אבער פאר אלעם, פאר מ'רעדט איבער גרויסע מענטשן און גרויסע וועלטליכע ענינים, זאכן וואס פארנעמען אן אויבנאן איבעראל, דארף מען קודם פארשטיין: **וואס איז דער אינטערעס פון דעם בריוו?**

פאר מען גייט אריין אין דער עצם בריוו, דער תוכן, צו דער נוסח, צו דער פירסום - פארוואס? צו פארוועם? **וואס שטופט א מענטש צו שרייבן אזא בריוו בכלל?**

דער עולם דא ווייסט אז איך בין אין די לעצטע תקופה זייער היימיש געווארן מיט ר' יואל לאנדא; און איך קען אים אסאך טיפער פון מענטשן וואס קענען אים נאר חיצוניות'דיג.

דער איד, זיין מציאות און זיין אופן המחשבה והמעשה, איז א טיפע, ברייטע סוגיא. עס האט בכלל אסאך משמעות, וואס איז נישט יעצט די צייט מאריך צו זיין אין דעם.

יעצט איידער איך רעד פונעם בריוו קען איך איין זאך זאגן מיט א קלארקייט:

אז דער אינטערעס פון שרייבן אזא בריוו קומט **ריין! ריין! ריין!**

ריין פון א סאטמארער השקפה, פון א שטארקער רצון אויפצוטון פאר אידן און אידישקייט - אזוי'ווי ער זוכט כל היום וכל הלילה אויפצוטון פאר אידישקייט, תורה, חסידות, תפלה, קדושה, צדקה, אלמנות ויתומים, און ער פירט בפועל אדורך ריזיגע זאכן וואס זענען נישט ביכולת בכלל פאר אנדערע מענטשן צו טון.

מ'דארף קודם פארשטיין דעם מציאות: ר' יואל לאנדא איז א מענטש וואס אין אים ברענט א מורא'דיגער רצון און געפיל פון **'אויפטון'**, און דעריבער איז דער רצון, געדאנק, פלאן, און וויזיע פון דעם בריוו אלעס מיט **א ריינע פנימיות'דיגע כוונה און בליק: אויפצוטון.**

דער סאטמארער בליק פון ר' יואל איז וויאזוי אויפצוטון פאר אידישקייט, דעריבער טראכט ער - ווי אלאמאל - מיט א טיפער און קלוגער בליק וויאזוי דאס יהדות החרדית אין ארץ ישראל קען זיך בעסער באהאנדלען.

ער נעמט אונטער פראקטישע שריט צו אדרעסירן א פראבלעם וואס פלאגט א ציבור, אזוי'ווי ער טוט אין נאך אסאך תחומים, דאס וואס מ'ווייסט און דאס וואס מ'ווייסט נישט.

איז ממילא, דאס איז די הקדמה: די אינטערעסע דא איז 'נישט' צו בויען איינעם; 'נישט' צו מבזה זיין איינעם; 'נישט' איבערצומאכן איינעם - נאר א ריינע כוונה 'אויפצוטון פאר אידישקייט'!

## ד. - דער עצם שרייבן א בריוו

איז אצינד לאמיר צונעמען די פיר אויבנדערמאנטע נושאים:

**1 - דער עצם שרייבן א בריוו**

דאס עצם שרייבן א בריוו פאר גדולי ישראל איז גאר א געווינטלעכע זאך וואס האט אלעמאל עקזיסטירט. יעדער קען עפענען אמאליגע ספרים און דאס אליין נאכזוכן.

גדולי ישראל דארפן וויסן וואס גייט פאר און מוזן אינפארמירט ווערן איבער פראבלעמען וואס מאכן זיך - און **אזוי איז אלעמאל געווען דער סדר אז אפילו פשוט'ע אידן און כלל-טוער האבן זיך געווענדן צו גדולי ישראל מיט א בריוו אדער פערזענליך**, צו ברענגען אויפמערקזאמקייט איבער פארשידענע זאכן העומדים על הפרק.

אייגנטליך האט מען שוין געשיקט בריוון צו גדולי ישראל ביי דער ערשטער 'חוק הגיוס' פאר צענדליגער יארן צוריק - א גאנצער דור פריער.

עס איז באקאנט דער בריוו וואס --- האט געשיקט פאר ר' משה פיינשטיין, און צו נאך גדולים שוין פאר פופציג יאר צוריק, ווען ער האט געהאלטן אז מ'קען עפעס אויפטון אין דעם ענין.

אוודאי און אוודאי איז נישט משנה וואס מען שרייבט פאר גדולי ישראל, און עס איז אויך נישט משנה אויף וועלכע נושא מען איז מעיר.

עס איז א מורא'דיגע געווינטלעכע זאך, אז א מענטש פון א צווייטער קהילה און

**ר' יואל לאנדא האט געזאגט פאר גורער רבי אז מ'זעט דאך יעצט קלאר, אז ער האט דאך יא א כח ארויסצוגיין פון די קאאליציע און איינפירן גרויסע תיקונים, אויב אזוי קען ער אויך אונטערנעמען מיטלען מ'זאל מער בכלל נישט דארפן צוקומען צו זיי!**

עדה און השקפה, ער שרייבט א בריוו און איז מעיר א גדול בישראל איבער א ברענענדיגע טעמע וואס ליגט אויפ'ן טיש.

אלע וויסן אז דער סאטמארער רב זי"ע שרייבט נאך פון פריערדיגע צדיקים, אז גדולי ישראל דארפן הערן נאך א דעה; און **ס'איז באקאנט אז ער אליין האט אייביג געוואלט וויסן וואס מ'שרייבט און מ'רעדט אין די דרויסנדיגע גאס.** און פארקערט; ער **פלעגט אסאך רופן פרעמדע וואס האבן געהאלטן גענצליך אנדערש**, הערן וואס זיי האבן צו זאגן און זיך מתווכח געווען מיט זיי.

איז ממילא איז נישט משנה וואס מ'שרייבט פאר א גדול, ווי אויסגעהאלטן עס איז געשריבן, און ווי יושר'דיג עס איז, **ווייל אפילו די מינדעסטע הערה וואס קען ברענגען א תועלת איז שוין א דבר גדול מאד, און אזוי דארף עס צו זיין!**

ממילא דער עצם זאך אז א איד א נגיד מפורסם, אזויווי ר' יואל לאנדא, וואס טוט אויף א געוואלד און האט א שטארקן כח און איינפלוס, ער שרייבט א בריוו צו א גדול בישראל אין א נושא וואס איז נוגע פאר יעדן איינעם – איז גאר א גוטע און געווינטשטענע זאך.

**הלוואי שירבו כמוהו, אז נאך אידן זאלן שרייבן און אויפמערקן גדולי ישראל זיי צו ברענגען נענטער צו דער מציאות!**

## ה. - דער 'תוכן' פונעם בריוו

**2 - דער תוכן פון דעם בריוו**

יעצט לאמיר גיין צום צווייטן שטאפל, לגבי דער תוכן פון דעם בריוו - מענטשן טענה'ן אז ס'קומט א נגיד, טאקע א גרויסער בעל חסד, אבער **ווי קומט ער צו מחנך זיין א רבי וואס האט א מסורה פון צענדליגער יארן נאך פון פריערדיגע גדולים און קדושים**. איז דאס נישט חוצפה?!

דער ענטפער איז זייער קלאר: דער נגיד שרייבט נישט קיין הלכות מיט שיטות; ער שרייבט נישט 'יהרג ואל יעבור' און 'אסור בתכלית האיסור' - גארנישט פון דעם!

נאר ער שענקט, **מבחינתו אלס נגיד ותומך תורה, א פראקטישער און פאליטישער אריינבליק אין די נושא!**

ער ברענגט ארויס אז אלע זענען געגאנגען צו בחירות, און אלע צייטונגען האבן גערעדט פון **חוק הגיוס**. אלע האבן גערעדט פון גיוס און נישט פון מלחמות, אבער יעדן טאג ווערט די פשרה גרעסער!

מ'האט אנגעהויבן מיט נאר מחללי שבת זאלן גיין אין מיליטער, **און יעצט האלט עס שוין אז אויך דער וואס לערנט נישט, אבער איז אן ערליכער בחור, מוז גיין אין מיליטער**, און דאס גייט ווייטער, ס'ווערט ערגער און ערגער!

ר' יואל לאנדא שרייבט אז די חרדים זענען געווארן שוואך און האבן נישט קיין כח מער צו קעמפן; **זיי קענען נאר מאכן 'פשרות'.**

ער ברענגט ארויס דאס וואס יעדער ווייסט אז איין טאג וועט די מדינה מער נישט געבן קיין געלט פאר די פרומע, ווייל זיי שטעלן זיך נישט צום מיליטער און ארבעטן נישט מיט אויף א רייע אישוס.

און ווי לאנג ס'זענען דא לינקע חברי כנסת, וועלן זיי העצן קעגן די פרומע און אזוי באקומען נאך מער כוח. אבער - זאגט ער - אנשטאט זיך אפשאקלען פון זיי, און שרייען "עד כאן", מאכט מען פשרות און מ'לויפט זיי נאך, **אלעס פארוואס? ווייל מ'דארף 'געלט'!**

ר' יואל לאנדא האט געזאגט פאר גורער רבי אז מ'זעט דאך יעצט קלאר, אז ער האט דאך יא א כח ארויסצוגיין פון די קאאליציע און איינפירן גרויסע תיקונים, **אויב אזוי קען ער אויך אונטערנעמען מיטלען מ'זאל מער בכלל נישט דארפן צוקומען צו זיי!**

יעצט, וועט איר פרעגן, אין גור איז דאך דא א מסורה דערויף שוין פון פריער?!

וועל איך אייך ענטפערן זייער פשוט.

דער וויזניצער רבי שליט"א האט געזאגט אפאר יאר צוריק אין א דרשה, אז לדעתו וואלט אפילו סאטמארער רבי זי"ע אויך געזאגט אז מ'מוז גיין צו בחירות היינט צוטאגס ווייל ס'איז דא דער חוק הגיוס און מ'דארף אויפטון.

איז פונקט אזוי **קען דאך סאטמאר האבן א פארקערטע דעה**, אז אלע גורער רבנים פון אמאל וואלטן היינט געזאגט **'נישט צו גיין צו בחירות'** ווייל זיי זענען קעגן די פרומע.

אבער ער שרייבט עס נישט. בכלל נישט!

ער שרייבט נאר אויף אזויפיל, פון א דרויסנדיגן בליק, פון א איד וואס קוקט זיך צו פונדערווייטנס, אז די ***יהדות התורה*** ווערט א חוזק פשוט! אזוי קוקט מען עס אן אין די וועלט!

ער שרייבט איידל און פראקטיש, אז אפשר קען מען טראכטן אן אנדערע וועג. **ער רעדט פון ווייטאג און געבויעט אויף די סאטמארער השקפה. ער זאגט אבער נישט קיין הלכה!** ער פסק'נט נישט!

ער גיט דעם פראקטישן בליק, און דאס איז זייער א גראטענע, און געוואונטשענע זאך.

## ו. - דער 'נוסח' פונעם בריוו

**3 - דער נוסח פון דעם בריוו**

יעצט לאמיר אפירנעמען די פינף בלעטער, און באטראכטן דעם נוסח פונעם בריוו, רובו ככולו, איז געשריבן **מיט'ן גרעסטן מאס דרך ארץ, הכנעה, און ביטול!**

ער לויבט אויס די כשר'ע טעלעפאנען רעוואלוציע וואס גור'ער רבי האט געמאכט, און אז די כשר'ע טעלעפאנען איבער דער גאנצער וועלט זענען אין זכות פון גור. זייער שיין.

ווי אויך שרייבט ער איבער דעם געוואלדיגן כח וואס דער גורער רבי האט געוויזן, **די שטארקייט און גבורת הנפש, ארויסצוציען פון די ממשלה צוליב די גזירות, אפילו ווען אנדערע האבן נישט געהאט די שטארקייט דערצו.**

מ'קען אפשר זאגן אז עס איז דא איין פרט אינעם נוסח אז ס'קען אויסזען ווי ער מאכט אפשר חוזק פון דעם גורער וועג פון שאפן געלט.

דא קען עס אפשר אויסקוקן ווי נישט אזוי בכבוד'דיג, כאטש ער האט געמיינט באמת נאר לתועלת, **ארויסצוברענגען דעם אנדערן דערהער, וויאזוי מ'קען באמת שאפן געלט אויף א גרויסן פארנעם.** פיל מער בכבוד!

## ז. - דער 'פרסום' פונעם בריוו

**4 - דער פירסום פונעם בריוו**

יעצט די פערטע זאך איז דער פרסום שבו, צי א פריוואטער בריוו פאר א רבי'ן דארף ווערן אזוי פארשפרייט אין דער וועלט.

יעצט יעדער ווייסט אז ר' יואל לאנדא האט נישט געוואלט עס זאל מפורסם ווערן, ווייל כבוד אלוקים הסתר דבר, און אז מ'וויל אויפטון איז די בעסטע און שטארקסטע וועג צו גיין בשתיקה.

איך וועל אייך פארציילן נאך מער, א נייעס וואס איר ווייסט נישט: **ר' יואל איז געווען פאר שבועות ביים גורער רבי'ן, ער איז געזעסן דארט אינעווייניג באלד א שעה, און א נברא בעולם ווייסט נישט איבער וואס זיי האבן גערעדט. נישטאמאל א בילד איז געווען גארנישט!**

ער האט דארט אויך גערעדט פארשידענע עניני הכלל, און אפילו איך האב אים פריוואט געפרעגט די נושאים, האב איך עס נישט געקענט ארויסבאקומען. ער האט מיר געזאגט: **"פאר'ן תועלת הענין, דארפן אזעלכע ענינים בלייבן בשתיקה".**

עס איז קלאר, אז עס האט אפגעשוואכט דער אפעקט איינמאל עס איז מפורסם געווארן.

איינער האט עס געכאפט און געשיקט פאר איינעם, און יענער פאר'ן צווייטן, און אזוי איז עס געווארן א שטורעם.

עס האט פשוט שאדן געמאכט פאר'ן ציל, און **אנגעברענט א גאנצע היציגע דעבאטע איבער די נושא, מיט וויכוחים אין די פרעסע, אלע זענען פארנומען דערמיט, די חסיד'ישע, די ליטווישע, די פרייע. דאס איז נישט געווען דער ציל בכלל!**

ר' יואל האט סך הכל געוואלט אריינגיין אינערליך, און אויפטון מיט א נאמנות פאר'ן יהדות החרדית.

## ח. - בסך הכל: דער גרעסטער כבוד!

ממילא היוצא לנו מכל זה - וואס איז נוגע פאר אונז די בני החבורה - דארף מען וויסן, אז **מ'האט זיך נישט וואס צו קאכן און זיך מתווכח זיין דערוועגן, מיט דברים של מה בכך!**

**דער בריוו איז הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן און אמת. די נקודה איז זייער שטארק! און יא, לאמיר עס אויסרופן הויך און קלאר: הלוואי זאל כלל ישראל קענען אנגיין מיט מער שטארקייט ווען עס קומט צו די נושא פון נעמען געלט! הלוואי זאל מען האבן די גבורה דערצו!**

דער בריוו איז הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן און אמת. די נקודה איז זייער שטארק! און יא, לאמיר עס אויסרופן הויך און קלאר: הלוואי זאל כלל ישראל קענען אנגיין מיט מער שטארקייט ווען עס קומט צו די נושא פון נעמען געלט! הלוואי זאל מען האבן די גבורה דערצו!

**ווען מיר ווילן זאגן 'לא מדובשך', ווילן מיר מיט סאך מער פייער קענען אויסשרייען 'לא מעוקצך'!**

דאס עצם שרייבן, ווי געזאגט, איז א מורא'דיגע געווינטשטע זאך. יא, מענטשן קענען זיך פארבינדן און שרייבן פאר גדולי ישראל איבער וויכטיגע נושאים. פארשטייט זיך, אויף א בכבוד'דיגן און אויסגעהאלטענעם אופן.

דער בריוו איז גאר גוט געשריבן, שיין אראפגעלייגט, מיט א ערליכער אריינבליק אין די היסטאריע פון גור און יהדות החרדית. ער ברענגט נאך פון חידושי הרי"ם. ער באציעט זיך מיט'ן גרעסטן כבוד.

ובפרט, אז אין דעם ענוועלאופ פונעם בריוו, איז אויך געווען **א ריזיגער אסטראנאמישער טשעק פאר די החזקה פון די גורער מוסדות.** לכבודו פון רבי'ן. און כ'רעד שוין נישט פון צושטעלן זיין פליגער לכבודו - פרעג איך אייך: **היש לך כבוד גדול מזה?!**

ווי געזאגט, דער נוסח איז מערסטנס באזירט אויף א פראקטישע און פאליטישע בליק, און דער פרסום דערפון איז געווען איבעריג. ס'האט נישט אויסגעפעלט. און דאס איז טאקע געווען נגד רצונו.

איז ממילא, אז מ'האמיר דא אלע דעם ריכטיגן בליק, פארשטייען מיר אז מ'דארף נישט ווערן פארנומען מיט שטותים איבער דעם פרסום פון דעם בריוו, און **מ'דארף זיך מתבונן זיין נאר וויאזוי מ'קען זיך מחזק זיין אין תורה ויראת שמים,** און צו מרומם זיין דעם כבוד פון כלל ישראל!